**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/18/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

## גאווערנער האוקאל אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף באפעסטיגונג פראיעקט אין די טאַון אָוו יעיטס, ארליענס קאונטי

***2.5 מיליאן דאלארדיגע פארק פארבעסערונג פראיעקט וועט פארגרינגערן צוקונפטיגע פארפלייצונגען; צוגעקומענע פארבעסערונגען צו פאפולערע פארוויילונג ארט וועלן בענעפיטירן איינוואוינער און באזיכער פונעם ראיאן***

***פראיעקט גרענט געשאנקען געווארן דורך די סטעיט'ס באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אונטערנעמונג***

***א סך הכל פון 300 מיליאן דאלאר פאר קאמיוניטיס אויף די ברעגעס רעכנט אריין 15 מיליאן דאלאר פאר ראיאנישע וואסער-רייניגונג, 30 מיליאן דאלאר פאר פריוואטע ביזנעסער און 20 מיליאן דאלאר אין הילף פאר היים אייגנטימער***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט אז קאנצטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף א 2.5 מיליאן דאלארדיגע שטאנדהאפטיגקייט פראיעקט פאר וועלכע א גרענט איז געשאנקען געווארן פאר די טאַון אָוו יעיטס, ארליענס קאונטי, אלץ טייל פון ניו יארק סטעיט'ס [באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג אונטערנעמונג](#) (Resiliency and Economic Development Initiative, REDI). די יעיטס טאַון פארק דינט אלץ די איינציגסטע פובליק פארוויילונג ארט מיט דירעקטע צוטריט צו לעיק אָנטאַריאו, מיט איבער איין אקער לאנד פון אפענע שטח פאר פארוויילונג, אריינרעכענענדיג אן אפענע געבוי אינדרויסן און א פלאץ פאר פיקניקס. די פארק איז א פאפולערע דעסטינאציע פאר אייוואוינער און באזיכער פון די טאַון. דורכאויס די היסטארישע פארפלייצונגען פון 2019, האט די פארק געליטן פון באדייטנדע אפשווענקונג לענגאויס די ברעגע. די פארוויילונג ארט איז פארפלייצט געווארן מיט וואסער צוליב נישט גוטע אפלויף אומשטענדן, שאפנדיג א סכנה פאר מענטשן וואס גייען אין די פארק און באגרעניצנדיג דאס באנוץ פון די פארק. די באפעסטיגונג ארבעט וועלכע וועט יעצט אונטערגענומען ווערן וועט סטאביליזירן די ברעגע, פארגרינגערן צוקונפטיגע פארפלייצונגען און פארזיכערן די צוטריט צו די יעיטס טאַון פארק דורכאויס צייטן ווען די וואסער שטאפלען זענען הויך. די פארק וועט זיך פארשפארן פארן פובליק אום אקטאבער 18, און עס וועט בלייבן פארמאכט אזוי לאנג ווי די קאנסטרוקציע געדויערט.

"דורך REDI, טוט ניו יארק סטעיט פארזעצן איר פארשפרעך צו די לעיק אָנטאַריאו ברעגע קאמיוניטיס זיי צו העלפן אין זייער קאמף קעגן די ווירקונגען פון קלימאט טויש", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "זיכער מאכן אז אונזער אינפראסטרואקטור איז שטארק און פארלעסליך און אז אונזערע ברעגעס זענען באפעסטיגט איז קריטיש וויכטיג צו קענען באשיצן אונזערע איינוואוינער, און אזוי אויך צו היטן אויף  די עקאנאמיעס פון די קאמיוניטיס אויף די ברעגעס. די טאַון אָוו יעיטס פארק פארבערייטערונג פראיעקט וועט טוהן גענוי דאס, און עס וועט אויך פארמערן די פארוויילונג געלעגנהייטן סיי פאר איינוואוינער און סיי פאר באזיכער פון די טאַון."

באפעסטיגונג מיטלען און פּארק פארבעסערונגען וועלכע וועלן דורכגעפירט ווערן אין די פראיעקט רעכענען אריין:

- פארבעסערונגען צו די פּארק'ס אפלויף און שטורעם וואסער פארוואלטונג סיסטעמען צו לייזן די ערנסטע אפלויף און זומפן שווערקייטן;
- סטאביליזירונג פון די ברעגע ביי די פלאץ פון וואו שיפלעך פארן ארויס;
- אינסטאלירן א דעק פאר קליינע שיפלעך;
- קאנסטרוקציע פון א פישעריי/וואסער צוטריט בריקל וואס קומט נאך ADA סטאנדארטן;
- אינסטאלירן נייע שפיל פּארק עקוויפּמענט, א טרעיל צו שפאצירן, א נייע אפענע געבוי און א בית הכסא;
- פארברייטערונג פון די פּארק'ס פּארקינג לאט; און
- פארבעסערונגען צו די גראז און גרינע שטחים.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטארשע אָוו סטעיט ראָזאנע ראָסאַדאָ האט געזאגט,** "בויען שטאנדהאפטיגקייט קעגן עקסטרעמע וועטערס און קלימאט טויש איז קריטיש וויכטיג פאר די צוקונפטיגע וואוילזיין פון אונזערע לעיק אָנטאַריאו ברעגע קאמיוניטיס. די סטעיט דעפּארטמענט האט א לאנגע היסטאריע ארבעטנדיג מיט די טאַון אָוו יעיטס אויף זייער ברעגע, און מיר זענען שטאלץ צו פארזעצן אונזערע צוזאמענארבעט דורך די REDI פראגראם כדי צו בויען א מער באפעסטיגטע יעיטס טאַון פּארק. די וויכטיגע אינוועסטירונג וועט פארמערן די זיכערהייט און צולייגן נאך צוטריט צו די וואסער ברעגע פאר אלע איינוואוינער און באזיכער צו הנאה האבן פון דעם פאפולערן דעסטינאציע פלאצירט אין א הימלישע לאקאציע לענגאויס לעיק אָנטאַריאו."

**סטעיט פארקס קאמישאנער עריק קאָלעסייד האט געזאגט,** "דאס איז נאך א טריט אויף פאראויס אין ניו יארק סטעיט'ס אונטערנעמונג צו מאכן אינפראסטראקטור און קאמיוניטי מיטלען ארום לעיק אָנטאַריאו מער באפעסטיגט. איך טוה גראטולירן די טאַון אָוו יעיטס פארן ארבעטן צו מאכן די שטח פון די פּארק בעסער, זיכערער און מער צוגענגליך פאר די קאמיוניטי."

**סענאטאר ראבערט אָרט האט געזאגט,** "דורכן פארברייטערן די פארוויילונג שטח און פארמערן די צוטריט צו די וואסער ביי לעיק אָנטאַריאו ביי די יעיטס טאַון פּארק, וועלן די ניו יארק סטעיט REDI קאמיסיע און די טאַון אָוו יעיטס ברענגען נייע און באגייסטערנדע געלעגנהייטן צו פארוויילן אויף גרינע שטחים פאר די איינוואוינער פון ארליענס קאונטי. צוזאמשטעלנדיג די פארמערטע דרויסנדיגע שטח מיט ברעגע באפעסטיגונג איז א שעפערישע וועג צו דורכפירן פובליק זיכערהייט מיטלען גוטס טוהענדיג מיט די פובליק. איך טוה אפלאדירן ניו יארק סטעיט און די טאַון אָוו יעיטס פארן ארבעטן צוזאמען אויף א שעפערישע פארנעם פאר די גוטס פון אונזערע איינוואוינער און די באזיכער פון אונזער ראיאן."

**אסעמבלימאן סטעפען האָולי האט געזאגט,** "די פראיעקט וועט זיכער מאכן אז מענטשן קענען געניסן פון יעיטס פארק פאר פילע בעפארשטייענדע יארן, און עס וועט העלפן מענטשן וועלכע פארן אין קליינע שיפלעך, ווי קאַיעקס אדער פעדל שיפלעך, צו ארויסנעמען די מערסטע הנאה פון די פארק און די לעיק. אין די צייט וואס דאס אויפהאלטן אונזערע פארקס און ברעגעס בענעפיטירט אונזער לאקאלע עקאנאמיע, שטעלט עס אויך צו פאר פאמיליעס א זיכערע און ערליכע פלאץ זיך צוזאמצוקומען פאר געזעלשאפטליכע אקטיוויטעטן. איך בין פרייליך אז דער פראיעקט רוקט זיך פאראויס צו האלטן די יעיטס פארק און די ארטיגע ברעגע זיכער און אפן פאר יעדן, און אין די זעלבע צושטעלן מער הנאה פון סיי ווען."

**טאַון אָוו יעיטס סופּערווייזאר דזשעימס סיימאן האט געזאגט,** "די טאַון אָוו יעיטס איז גאר באגייסטערט צו אנהויבן קאנסטרוקציע אויף אונזער REDI פארק פראיעקט! נאך די ברעגע פארפלייצונגען האבן חרוב געמאכט אונזער פארק ברעגע אין 2017 און אין 2019, זענען מיר דאנקבאר צו געשטיצט ווערן דורך NY סטעיט צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג פון די פארק און פארבעסערן די פובליק פארוויילונג איינריכטונגען אויפן לעיק. מיר קוקן ארויס צוריק צו עפענען אונזער נייע פארק אין אנהויב הערבסט פון 2022 אלץ די הויכפונקט געשעעניש פון די 200'סטע יארטאג פון אונזער טאַון."

אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פארמערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, צוזאמגעשטעלט פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס) זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דער REDI קאמישען האט אלאקירט 20 מיליאן דאלער פאר האומאונער הילף, 30 מיליאן דאלער צו פארבעסערן די פעסטיגקייט פון ביזנעסער, און 15 מיליאן דאלער פאר א ראיאנישע דרעדזשינג אונטערנעמונג וואס וועט בענעפיטן יעדע פון די אכט קאונטיס אין די REDI ראיאנען. די רעשט 235 מיליאן דאלער איז אלאקירט געווארן פאר לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן וועלכע אוואנסירן און שטעלן א ביישפיל פאר דעם REDI מיסיע.

זינט די סטעיט'ס REDI פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2019, זענען שוין 134 REDI-געשטיצטע לאקאלע און ראיאנישע פראיעקט אונטערוועגס, אריינרעכענענדיג 85 פראיעקטן וועלכע זענען אין די פלאנירונג שטאפל, 22 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפלען און 27 פארענדיגטע פראיעקטן.

פאר נאך אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן